**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/1/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול דירעקטירט פאר סטעיט אגענטורן צו גרייט מאכן עמערדזשענסי אפרוף מיטלען מיט׳ן ערווארטן אז טראפישע דעפרעשען איידע וועט ברענגען שווערע רעגנס און מעגליכע פלייצונגען אין ניו יארק סטעיט

***טיילן פון ניו יארק סיטי, לאנג איילענד, דרום טייל, מיטל-הודסאן, און קאפיטאל דיסטריקט קענען מעגליך זען זעקס צו מער אינטשעס רעגן ביז אריין אין דאנערשטאג, שאפנדיג פאטענציעלע געפארפולע רייזע אומשטענדן***

***שטארקע דונערשטורעמס מיט רוישיגע ווינטן ווערן פאראויסגעזאגט צו אפעקטירן דער דאונסטעיט ראיאן ביז דאנערשטאג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט פאראדנט סטעיט אגענטורן צו גרייט מאכן עמערדזשענסי אפרוף אייגנשאפטן אזוי ווי די איבערבלייבענישן פון הוריקעין איידע ווערן ערווארטעט זיך אראפצולאזן איבער דאונסטעיט געגנטער מיט זעקס ביז מער אינטשעס רעגן אנגעהויבן היינט און אנהאלטנדיג ביז אריין אין דאנערשטאג, ברענגנדיג פאטענציעלע פלעש-פלאד אינצידענטן און געפארפולע רייזע אומשטענדן אין עטליכע לאקאציעס. ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און ערטער אין דער דרום טייל, מיטל-הודסאן וואלי און קאפיטאל דיסטריקט קענען זען ביז זעקס אינטשעס רעגן, און נאך גרעסערע מאסן אין געוויסע ערטער, ווען איידע ציעט זיך אדורך די ערטער. עס איז אויך דא פאטענציעל פאר שטארקע דונערשטורעמס מיט רוישיגע ווינטן ביז די פרימארגן שעה׳ן פון דאנערשטאג, ווי אויך דראען איזאלירטע טארנעדאס, איבערהויפט אין די דאונסטעיט טיילן. איידע איז ערווארטעט זיך גיך צו ציען צום צפון-מזרח, און רעגנס זיך ווארשיינליך אפשטעלן לענגאויס די מזרח טיילן שפעט דאנערשטאג. גאווערנער האקול בעט ניו יארקערס צו האלטן א נאענטן אויג אויף די פּאָרקעסטן פאר וועטער אומשטענדן און נאכפאלגן פאטענציעלע עמערדזשענסי פאראדנונגען ארויסגעגעבן בעפאר אדער בשעת דער שטורעם. ניו יארק סטעיט אגענטורן און אויטאריטעטן האבן זיך פארבינדן מיט ארטיגע מוניציפאליטעטן און מיטארבעטער און שטייען גרייט זיך אפצורופן לויט ווי עס וועט זיך נויטיגן.

"די איבערבלייבענישן פון הוריקעין איידע ווערן פאראויסגעזאגט צו באטרעפן דאונסטעיט און מזרח טיילן פון דעם סטעיט, אריינגערעכנט ניו יארק סיטי, לאנג איילענד, און דרום טיילן, מיטל-הודסאן וואלי, און קאפיטאל ראיאנען, מיט שווערע רעגנס און פאטענציעלע פלעש-פלאד אינצידענטן ביז אריין אין דאנערשטאג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "כאטש מיר רישן זיך נישט צו באקומען די פיל שווערערע רעגנס אדער טראפיש-קרעפטיגע ווינטן וועלכע האבן באטראפן סטעיטס ווי לואיזיאנע און מיסיסיפי, דאך וועלן מיר קענען זען באלד זעקס אינטשעס רעגן אין געוויסע טיילן פון ניו יארק בשעת טראפישע דעפרעשען איידע ציעט זיך ווייטער אויף איר וועג צו צפון-מזרח. איך בעט שטארק פון מענטשן אין די ערטער וואו ווערן פאראויסגעזאגט צו האבן שווערע רעגנס זאלן זיך גרייט מאכן פאר פלייצונג אומשטענדן און זיך האלטן זיכער. אויב דארפט איר ארומפארן, ביטע זייט פארזיכטיג און קוקט קודם נאך די ארטיגע וועטער אומשטענדן."

לויט דער נאַציאָנאַלער וועטער סערוויס קען מען זיך רישען אויף איבערבלייבענישן פון איידע אלס א נאָך-טראָפּישע נידעריגקייט אנטקעגן צו קומען דעם סטעיט אנגעהויבן מיטוואך, און ברענגען שווערע רעגנס וועלכע וועלן אנהאלטן ביז דאנערשטאג נאכמיטאג. א ווייט פארשפרייטע דריי ביז זעקס אינטשעס רעגן ווערט פאראויסגעזאגט פאר דאונסטעיט ערטער מיט ארטיגע העכערע מאסן מיט מעגליך פלעש-פלאַד אינצידענטן, איבערהויפט נעבן טייכן און שטראמען. אפסטעיט ערטער קענען באקומען ביז דריי אינטשעס רעגן ביז דאנערשטאג.

פלעש-פלאַד וואטשעס זענען ארויסגעגעבן געווארן ביז דאנערשטאג נאכמיטאג פאר מערערע לאָקאַציעס לענגאויס דעם סטעיט. פאר א פולע ליסטע פון וועטער ווארענונגען, ראטן, און די לעצטע פאראויס־באריכטן, באזוכט דעם נאציאנעלע וועטער סערוויס [וועבזייטל](#).

**<u>אַגענטור פארברייטערונגען</u>**

**דעפּארטמענט און טראנספּארטעישען**

דער סטעיט דעפּארטמענט און טראנספּארטעישען מאכט פארברייטערונגען זיך אפצורופן מיט איבער 3,150 סופּערווייזערס און אפּערעיטערס איבער'ן סטעיט. שטאב קענען אויסגעשטעלט ווערן אין סיי וועלכע סאָרט אפרוף מאנשאפט עס נויטיגט זיך (פארפּלייצונג, טשיפּער, לאָדנען און שלעפּען, סוּער דזשעט, קאַט ענד טאָס, טראפיק סיגנאל, א.א.וו.). דער DOT׳ס 24/7 אינצידענט קאמאנד סיסטעם וועט אקטיווירט ווערן פאר אפרוף פארוואלטונג דורכאויס דער שטורעם.

פארלייפיג זענען ראיאנישע מאנשאפטן פארנומען מיט רעגן, פארפּלייצונג, ביימער אפפאל אפרוף פארברייטערונגען, אריינגערעכנט:

- וואסער־אפרין אינלעטס, קאלווערטס, און אנדערע אפרין סטרוקטורס ווערן איבערגעקוקט און אפגערייניגט פון איינגעזאמלטע אפפאל. אינספּעקציעס וועלן פארזעצן דורכאויס דער פּאסירונג.
- געוועגליכע פּאטראלס וועלן איינגעפירט ווערן אויף אנצוהאלטן באוואוסטזיניגקייט וועגן אלגעמיינע אומשטענדן.
- פארפּלייצונג / אפפאל אפרוף מיטלען (דזשענערעיטערס, פּאמפּס, טשעינסאָוס, לייכטע פלענטס, טשיפּערס, גרעפּעלס, האנט מיטלען, א.ד.ג.) ווערן יעצט איינגעראכטן פאר באלדיג ארויסשיקן.

אלע פארהאנענע רעגן / פארפּלייצונג / ווינט אפרוף אויסריכטונגען זענען גרייט ארויסגעשטעלט צו ווערן. די צאל אויסריכטונגען איבער'ן סטעיט זענען ווי פאלגענד:

- 1,326 גרויסע דאמפּ טראקס
- 51 לאודער-גרעפּעל אטאטשמענטס
- 299 לאודערס
- 18 וואַקיום טראקס מיט סוּער דזשעט
- 33 עקסקעוועיטער אויף טרעקס
- 43 עקסקעוועיטער אויף רעדער
- 52 טראקטאר טרעילערס
- 14 בוים-קרו באקעט טראקס
- 36 טראפיק סיגנאל טראקס
- 6 וואסער פּאמפּס (4-6 אינטשעס)

- 77 טשיפערס 10 אינטש (מינימום) קאפאציטעט
- 50 דזשענערעיטערס

**טרו-וועי אויטאריטעט**
די טרו-וועי אויטאריטעט האט 655 אפערעיטערס און סופערווייזערס גרייט זיך אפצורופן צו סיי וואספארא ווינט אדער פארפלייצונג אינצידענטן לענגאויס דעם סטעיט מיט קליינע ביז מיטל-גרויסקייט עקסקעוועיטער, באוועגיגע ווי-עם-עס באורדס, באוועגיגע ליכט טורעמס, קלענערע דזשענערעיטערס, קלענערע פאמפס און אויסריכטונג-שלעפער טרעילערס, ווי אויך שילדן און אנדערע טראפיק קאנטראל מיטלען וועלכע זענען גרייט פאר סיי וואספארא דיטוערס אדער ראוד פארשליסונגען. שילדן מיט אנזאג-ענדערן פעאיגקייטן, הייוועי עדווייזארי ראדיא, און סאושעל מעדיע ווערן באניצט צו ווארענען מאטאריסטן וועגן וועטער אומשטענדן אויף דער טרו-וועי.

די צאל אויסריכטונגען איבער'ן סטעיט זענען ווי פאלגענד:

- 212 גרויסע דאמפ טראקס
- 102 קליינע דאמפ טראקס
- 62 לאודערס
- 28 טרעילערס
- 8 וואקיום טראקס
- 9 עקסקעוועיטער אויף טרעקס
- 9 עקסקעוועיטער אויף רעדער
- 10 בראש טשיפער
- 100 טשעינסאוס
- 24 לופט טראקס
- 22 סקיד סטיערס
- 87 באוועגיגע דזשענערעיטערס
- 69 באוועגיגע באלייכטונג יוניטס

די טרו-וועי אויטאריטעט ראט פאר מאטאריסטן צו דאונלאד׳ען איר מאביל עפ וועלכע עס איז צו באקומען בחנם אויף איי-פאן און ענדראוד סמארטפאנס. דער עפ שטעלט צו פאר מאטאריסטן דירעקטע לעבעדיגע טראפיק קאמערעס, עכט-צייטיגע טראפיק אינפארמאציע און נאוויגאציע הילף בשעת מען איז אויפ׳ן וועג. מאטאריסטן קענען זיך אויך אויפשרייבן פאר TRANSalert אימעילס, וועלכע שטעלן צו די לעצטע טראפיק אומשטענדן לענגאויס דער טרו-וועי, נאכפאלגן @ThruwayTraffic אויף טוויטער, און באזוכן thruway.ny.gov צו זען אן אינטעראקטיווע מאפע פון דעם טרו-וועי און אנדערע ניו יארק סטעיט ראודס.

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאל אפהיטונג**
DEC ענווייראנמענטעל קאנסערוועישען פאליציי אפיצירן, וואלד רעינדזשער, עמערדזשענסי פארוואלטונג שטאב, און ראיאנישע מאנשאפט זענען אויף דער וואך און האלטן אן אויג אויף דער אנטוויקלענדע מצב און פאטראלירן אקטיוו די געגנטער און אינפראסטרוקטור וואס שטייט אויס געטראפן צו ווערן פון די שווערע וועטער. אלע אייגנשאפטן וואס זענען פאראן, אריינגערעכנט סוויפט-וואָטער רעסקיו מאנשאפטן, זענען פלאצירט צו העלפן מיט סיי וועלכע עמערדזשענסי אפרוף.

**אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג**
ניו יארק סטעיט פארק פאליציי און פארק באאמטע זענען אויף דער וואך און האלטן א נאנטן אויג אויף די

וועטער אומשטענדן און באטרעפונגען. פארק באזוכער זאלן באקוקן דעם פארק׳ס וועבזייטל אדער רופן זייער לאקאלע פארק אפיס פאר די לעצטע אפדעיטס וועגן פארק שעה׳ן, עפענונגען, און פארשליסונגען.

**דעפארטמענט פון פובליק סערוויס**
ניו יארק׳ס יוטיליטיס האבן אומגעפער 5,500 ארבעטער וועלכע זענען גרייט אויסצופירן שאדן אפשאצונגען, אפרוף און צוריקשטעל באמיאונגען לענגאויס דעם סטעיט. דעפארטמענט אוו פובליק סערוויס שטאב וועלן נאכשפירן די יוטיליטיס ארבעט במשך דעם שטורעם געשעעניש און וועט פארזיכערן אז די יוטיליטיס שטעלן די נייטיגע מאנשאפטן צו די ראיאנען וועלכע זענען ערווארטעט דאס מערסטע באטראפן צו ווערן.

**ניו יארק סטעיט פאליציי**
סטעיט פאליציי וועלן האבן צוויי 12-פערזאן סוויפט-וואָטער רעסקיו טיעמס מיט שיפן גרייט ארויסצושטעלן, מיט איין טיעם פלאצירט אין אולסטער קאונטי און אן אנדערער אין ברום קאונטי. טרופערס וועלן האלטן א נאענטן אויג אויף די אומשטענדן און נאך איינגעשטעלטע וועלן ווערן ארויסגעשיקט צו אפעקטירטע ערטער לויט ווי עס וועט זיך נויטיגן. אלע פור-וויל-דרייוו וויהיקלס און אנדערע ספעציעלע וויהיקלס, ארייגערעכנט יוטיליטי טערעין וויהיקלס, זענען אין סערוויס.

**ניו יארק פאווער אויטאריטעט / קאנאל קארפארעישען**
דער ניו יארק פאווער אויטאריטעט און ניו יארק סטעיט קאנאל קארפארעישען נעמען פראאקטיווע שריטן זיך צו גרייט מאכן פאר׳ן אנקומען פון טראפישע דעפרעשען איידע, וועלכע איז פאראויסגעזאגט צו ברענגען שווערע רעגנס און פאטענציעלע פלעש-פלאד אינצידענטן. NYPA׳ס אפעראציעס שטאב האבן אויסגעפירט שטורעם פארברייטערונג פראצעדורן, איבערגעקוקט און אויסגעפראוווט אויסריכטונגען, און שטאב מיטגלידער זענען פלאצירט פארצזעצן ווייטער גרייט צו מאכן איינריכטונגען און טראנסמיסיע אינפראסטרוקטור פאר שטורעם אפרוף. NYPA און קאנאלן פארשטייער זענען אין נאענטע פארבינדונג מיט סטעיט, קאונטי, און ארטיגע עמערדזשענסי מענעדזשמענט באאמטע אויף קאארדינירונג צוועקן און וועלן ווייטער אנהאלטן קאמוניקאציעס דורכאויס דער פארלויף פון דער וועטער אינצידענט. NYPA נעמט אויך אנטייל אין מיוטשועל הילף פלאנירונג קאללס פאר שטורעם אפרוף אין לואיזיאנע פארבינדן מיט דעם שטורעם און שטייט גרייט צו שיקן NYPA טראנסמיסיע און אנדערע באאמטע אויב נייטיג.

**קאנאל קארפארעישען**
אין פארברייטערונגען פאר׳ן אנקומען פון טראפישע דעפרעשען איידע, וועט דער קאנאל קארפארעישען פרע-עמפטיוו הייבן די איבערשטע טויערן פון איר באוועגיגע דעמס לענגאויס דעם ערי קאנאל און מאוהאק טייך צווישן לאק E-8 אין ראטערדאם און לאק E-12 אין טרייבס היל. הייבן די איבערשטע טויערן פון די באוועגיגע דעמס מאכט נידעריגער די וואסער שטאפלען און איז א נייטיגע שריט צו העלפן לינדערן דער ריזיקע פון פאטענציעלע פלייצונגען און שאדן צו קאנאל אייגנשאפטן. דער קאנאל קארפארעישען האט געארבעט מיט מערינעס, שיף אייגנטימער, דאק באזיצער, און אנדערע זיי מודיע צו זיין וועגן די פאטענציעלע ריזיקעס פון שאדן פון גענידערטע וואסער שטאפלען און ערווארטעטע וועטער. דער קאנאל קארפארעישען וועט אפדעיט׳ן דעם פובליק לויט ווי עס וועט זיך נויטיגן דורך נאטיץ צו מארינער ווארענונגען. מיטגלידער פון דער פובליק קענען זיך איינשרייבן אויף צו באקומען די מודעות [דא](#).

**מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט**
די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט נעמט אלע נייטיגע שיך-מיטלען אויף אפצוהיטן איר טראנספארטאציע נעטווארק און צושטעלן זיכערע סערוויס. עם-טי-עי אגענטורן ארבעטן נאענט צוזאמען, און קאארדינירן מיט לאקאלע מיטארבעטער צו אנטוויקלען פארברייטערונגען אויב וועט

סערוויס באטראפן ווערן. דער עם-טי-עי שטעלט ארויס פון פאראויס נייטיגע בעק-אפ אויסריכטונגען איבער אלע קאמיוטער באן ליניעס, סובוועיס, און דער אגענטור׳ס בריקן און טונעלן. אויף דער סאבוועי וועלן מעינטענענס איינגעשטעלטע איבערקוקן טרעק אפפליס אין פלעצער וועלכע שטייען אויס פארפלייצט צו ווערן, און אוועקשטעלן טרעק פאמפס און שטורעם קעסטלעך.

דער עם-טי-עי דערמוטיגט אירע קאסטומערס צו נעמען עקסטערע באווארעניש ווען מען פארט אין שווערע רעגנס און שטארקע ווינטן. דאס רעכנט אריין צולייגן עקסטערע צייט פאר ארומפארן, זיין עקסטער פארזיכטיג ווען מען גייט אויף די פלאטפארמעס און טרעפ, אפאכט געבן פאר גליטשיגע אומשטענדן און האלטן אן אויג אויף צווייגן אדער דראטן פון אויבן וועלכע קענען אראפפאלן.

**פארט אויטאריטעט**
די פארט אויטאריטעט האלט ווייטער אן אויג אויף וועטער אומשטענדן איבער אירע אלע איינריכטונגען. פאסאזשירער ווערן געראטן זיך צו פארבינדן מיט זייער פליגער ליניעס וועגן פלייט סטאטוס איידער מען לאזט זיך ארויס צו לאגווארדיגע אדער דזשאן עף. קענעדי עירפארט, אזוי ווי עירליינס רישען זיך אויף פאטענציעל פארשפעטיגונגען און מעגליכע קענסעלעישענס צוליב דער וועטער. ספיעד באגרענעצונגען און פאטענציעלע טראק און מאטארביציקל פארבאטן וועלן ארויסגעשטעלט ווערן ביי פארט אויטאריטעט איבערגאנגען איב פארלאנגען עס די אומשטענדן ווי צום ביישפיל הויכע ווינטן. פאר די לעצטע אינפארמאציע וועגן פארט אויטאריטעט איינריכטונגען, ביטע קוקט נאך אויף סאושעל מעדיע, שרייבט אייך איין פאר פי-עי מודעות, אדער דאונלאוד׳ט איינע פון די פי-עי מאביל עפס.

<u>**סעיפטי עצות**</u>

מאכט אייך גרייט פאר שווערע וועטער:

- זייט באוואוסטזיניג אויף דער קאונטי אין וועלכן איר וואוינט און די נעמען פון דערנעבנדע שטעט. שווערע וועטער ווארענונגען ווערן ארויסגעגעבן אויף א קאונטי באזיס.
- לערנט אייך די זיכערסטע וועג פון אייער היים אדער ביזנעס צו הויכע, זיכערע ערד אויב דארפט איר זיך גיך אפטראגן.
- שטעלט צוזאם און חזר׳ט זיך איין א ׳פאמיליע אנטלויפן׳ פלאן און אידענטיפיצירן א טרעף-פלאץ אויב פאמיליע מיטגלידער ווערן צוטיילט.
- מאכט א דייטליכע ליסטע פון אלע ווערטפולע חפצים, אריינגערעכנט מעבל, קליידונג, און אנדערע פערזענליכע אייגנטום. האלט דער ליסטע אין א זיכערער ארט.
- קלויבט אייך צוזאם עמערדזשענסי סופלייס פון עסנווארג אין קענס, מעדיציננען, און פירסט-עיד סופלייס און וואסער צו טרינקען. האלט טרונק-וואסער אין ריינע פארמאכטע קלאזעטס.
- פלאנירט וואס איר וועט טון מיט אייערע פעטס.
- האלטס גרייט א באוועגיגע ראדיא, פלעשלייטס, עקסטערע באטעריעס, און עמערדזשענסי קעכעריי אויסריכטונגען.
- לייגט אריין גאז אין אייער קאר פון פאראויס. אויב ווערט אויסגעלאשן די לעקטער וועלן גאזאלין סטאנציעס מעגליך נישט קענען געבן קיין ברענשטאף פאר עטליכע טעג. האלטס א קליינע דיזעסטער סופליי פעקל אין דעם טראָנק פון אייער קאר.

האלטס דיזעסטער סופלייס ביי דער האנט, אריינגערעכנט:

- פלעשלייט און עקסטערע באטעריעס

- באטעריע-אפערירטע ראדיא און עקסטערע באטעריעס
- פירסט-עיד קיט און אנווייז ביכל
- עמערדזשענסי עסנווארג און וואסער
- נישט-עלעקטרישע קען אָופּענער
- נייטיגע מעדיצינען
- טשעקבוך, קעש, קרעדיט קארטלעך, ATM קארטלעך

פאר מער סעיפטי עצות, באזוכט דער ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון הײמלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס סעיפטי עצות וועב זייטל אויף www.dhses.ny.gov/oem/safety-info/index.cfm.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן